# פרשת וירא י"ב– י"ח חשון תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת וירא***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יעקב קליין** הי"ו (בן הר"ר **אהרן קליין** הי"), שהתקיים בבית המדרש פוילישע שטובל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **בערל שטיינבערג** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ברך משה סאטמאר. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אשר יואל פאללאק** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז גארדען.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ד סעיף ט"ו) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, אל הארץ אשר אראך. ואעשך לגוי גדול, ואברכך, ואגדלה שמך, והיה ברכה (יב-א). לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז די ברכה פון 'והיה ברכה'. אוודאי אז מען זאגט ואעשך לגוי גדול, דו וועסט זיין א גרויס פאלק, ואברכך, דו וועסט האבען געלט, ואגדלה שמך, דו וועסט האבען כבוד, איז ער א ברכה. וואס האט דער אייבערשטער צוגעגעבן 'והיה ברכה', נאכדעם וואס ער האט שוין געזאגט די אלע פריערדיגע ברכות. רש"י טייטשט וועגן דעם אז 'והיה ברכה' איז א עקסטערע זאך. הברכות נתונות לך, אברהם אבינו וועט האבען א כח צו בענטשען אנדערע.

**עס** קען זיין א כוונה דערין. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו ואברכך, בממון. געלט איז א גרויסע ברכה פאר א מענטש. עס איז א גשמיות'דיגע ברכה, און א רוחניות'דיגע ברכה. די גשמיות'דיגע ברכה איז, אז ווען א מענטש האט געלט איז ער באקוועם, מיט געלט קען ער צוקומען צו וואס ער דארף, און עס שטערט אים נישט קיין שום זאך. און עס איז אויך א רוחניות'דיגע ברכה, מען קען טון מצות און מעשים טובים, צדקה און חסד, אזוי ווי יודישע קינדער טוען.

**אבער** אזוי ווי יעדע גוטע זאך קען די ברכה פון עשירות מיטברענגען מיט זיך אויך זייטיגע שאדענס. עס פעלט פאר א מענטש רואיגקייט, מרבה נכסים מרבה דאגה (אבות ב-ז), די קאפ איז אים נישט אויפן פלאץ, די אינוועסטמענ"ט און יענע אינוועסטמענ"ט, עס נעמט אוועק פון אים די מנוחת הנפש. אין ספר קהלת איז אויסגערעכנט א פאר פסוקים, השבע לעשיר איננו מניח לו לישון (ו-יא), פון זעטיקייט קען א מענטש נישט שלאפן, עס ברענגט קנאה און שנאה, מען פארלירט אמאל דאס לעבן, ווייל מען וויל בא'גנב'נען דאס פארמעגן וואס ער האט. קומט אויס, אז אמאל קען זיין, אז די ברכה איז נישט קיין שלימות'דיגע ברכה, עס ברענגט מיט זיך מיט אויך שווערע צייטן. און כל שכן ברוחניות, שטייט שוין אין פסוק (דברים ח-יב) פן תאכל ושבעת, דו וועסט עסען צו די זעט, ובתים טובים תבנה וישבת, דו וועסט האבען שיינע הייזער, וכסף וזהב ירבה לך, וכל אשר לך ירבה, ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך, עשירות קען אסאך מאל אוועקפירן דעם מענטש פונעם ריכטיגען וועג. טאמער א מענטש פארלירט זיין ערליכקייט דורך די געלט וואס ער האט באקומען, אדער ער פארלירט זיין מנוחת הנפש, איז דאס געלט וואס ער האט באקומען נישט קיין ברכה, עס האט דאך אים אוועקגענומען פונעם ריכטיגען וועג.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, עצביהם כסף וזהב מעשי ידי אדם (תהלים קטו-ד), עצביהם איז א לשון פון עבודה זרה. ווען א מענטש זאגט, כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, איך האב עס אליין פארשאפט, און איך דארף פאר קיינעם נישט

אפגעבן א דין וחשבון וואס איך טו מיט מיין געלט, איז עס א בחינה פון עבודה זרה. ער גלייבט נישט אז כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל (דברים ח-יח), אז אלעס איז פונעם אייבערשטען. 'עצביהם', זייער עבודה זרה איז, 'כסף וזהב', אז זייערע זילבער און גאלד, זאגען זיי 'מעשה ידי אדם', אז דאס האבן זייערע הענט געמאכט. ער דארף וויסען אז עס איז נישט מעשה ידי אדם, נאר עס איז די מעשה פונעם אייבערשטען, דער אייבערשטער האט אזוי גוזר געווען. לא לחכמים לחם ולא לנבונים עושר (קהלת ט-יא), חכמה ברענגט נישט פרנסה, וויפיל חכמים האבען נישט קיין ברויט, און וויפיל נאראנים זענען רייך, עס האט נישט צוטון איינס מיטן אנדערן.

**עס** איז דא צוויי ערליי עשירות. עס איז דא אן עשירות וואס א מענטש באקומט פונעם מזל וואס ער איז געבוירן, אזוי שטייט אין די גמרא (שבת קנו.), יעדער מענטש האט א מזל אויף זיך, מזל מחכים, מזל מעשיר. בעפאר מען קומט אראפ אויף די וועלט פרעגט דער מלאך אין וואס פארא מזל ער זאל געבוירן ווערן, צו ער זאל זיין אן עשיר אדער אן עני (נדה טז:). און דער עשירות קען ברענגען אזוי און אזוי. אבער ווען דער אייבערשטער געבט אן עשירות פאר א מענטש אלץ א ברכה. ער האט זיך שיין אויפגעפירט, און ער האט א זכות, און דער אייבערשטער וויל אים בענטשען פאר דעם זכות, און אים געבן עשירות. דער עשירות וועט נישט אראפפירן פונעם ריכטיגען וועג, ווייל אויב יא, איז עס נישט א ברכה. דער אייבערשטער וויל אים דאך באצאלן א ברכה, און דער אייבערשטער וועט אים נישט געבן א ברכה, וואס די ברכה איז פארבינדן מיט נישט גוטס. יברכך ה' וישמרך (במדבר ו-כד), יברכך ה', בממון, דער אייבערשטער וועט דיך בענטשען מיט געלט, וישמרך, וועט דיך דער אייבערשטער אפהיטן, מן המזיקין, אז דאס געלט וועט דיך נישט קאליע מאכן.

**עס** שטייט אין **אלשיך הק'** אויפן פסוק (משלי י-כב) ברכת ה' היא תעשיר, ולא יוסיף עצב עמה. 'ברכת ה', ווען די ברכה קומט פונעם אייבערשטען, 'היא תעשיר', איז עס אזא עשירות, 'ולא יוסיף עצב עמה', וואס עס ברענגט נישט מיט מיט זיך אן עצב, א טרויעריקייט. מרבה נכסים מרבה דאגה, ער איז נישט א שמח בחלקו, יש לו מנה רוצה מאתים (קה"ר א-לד), אבער ברכת ה', אויב עס איז א ברכה פונעם אייבערשטען, היא תעשיר, איז עס א קלארע עשירות, ולא יוסיף עצב עמה, וואס איז נישט דא אין דעם אן עצב.

**דער** אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר אברהם אבינו, ואברכך בממון, איך וועל דיך בענטשען מיט געלט, קען דאך אברהם אבינו מורא האבען אז די ממון וועט אים צוברענגען צו ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך. האט אים דער אייבערשטער צוגעזאגט, והיה ברכה, עס וועט נאר זיין א ברכה. די גמרא (עיין מנחות כז.) זאגט אויף והיה, בהוייתו יהא. די ברכה וואס איך בענטש דיך, דארפסטו נישט מורא האבען אז פון די ברכה וועט ארויסקומען א זאך וואס איז נישט גוט, נאר 'והיה ברכה', די ברכה וועט זיין א שלימות'דיגע ברכה.

*

***יום שני פרשת וירא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אשר יואל פאללאק** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **ראובן שווארץ** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **משה יוסף שווארץ** ע"ה (ק"י).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יודא ארי' ווייס** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב יוסף טויבער** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **שלמה ראבינאוויטש** שליט"א בן **כ"ק האדמו"ר מדינוב**

**שליט"א**, עב"ג בת הרה"ג רבי **דוד מייזליש** שליט"א אב"ד קהל דבר צבי סיגעיט בן **הגה"צ גאב"ד סיגעיט שליט"א**, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת וירא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **דוד יהודא האזענפעלד** הי"ו (חתן הר"ר **חיים אלעזר שפיץ** הי"ו), שהתקיים בבית המדרש אמונת ישראל. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**וירא** אליו ה' באלוני ממרא, נאכדעם וואס אברהם אבינו האט זיך געמל'ט, איז דער אייבערשטער אים געקומען באזוכן. רש"י (יז-כד) ברענגט צו א מדרש, אז ווען אברהם האט זיך געמל'ט, איז אים געווען שווער זיך אליין צו מל'ן, און דער אייבערשטער האט אים צוגעהאלפן אז ער זאל זיך קענען מל'ן. און אויף דעם שטייט אין פסוק (נחמיה ט-ח) וכרות עמו הברית, אז דער אייבערשטער האט כורת געווען דעם ברית צוזאמען מיט אים. אין פשטות איז שווער צו פארשטיין, אז אברהם אבינו האט זיך נישט געקענט אליין מל'ן. אברהם אבינו האט דאך שפעטער ביום שלישי למילתו געהאט די כחות צו גיין און לויפן, ואל הבקר רץ אברהם, נעמען און שחט'ן א בקר, און עס ברענגען פאר די מלאכים, און א ברית האט ער זיך נישט געקענט מל'ן אליין, און עס האט אויסגעפעלט אז דער אייבערשטער זאל אים צוהעלפען דערצו.

**נאר** די ביאור דערפון איז, מען ווייסט אז מצות מילה איז נישט נאר דאס וואס מען נעמט אראפ די ערלת הבשר, נאר מיט דעם עפנט מען דאס הארץ פון א קינד, אז א קינד זאל קענען זיין ראוי צו תורה. די קדושה וואס איז דא אין א יוד איז ארומגענומען מיט אן ערלה, און מיט דעם וואס מען מל'ט א קינד, נעמט מען אראפ פון אים דעם חלק הרע וואס איז דא אין אים, אז ער זאל קענען דינען שפעטער דעם אייבערשטען.

**די** גמרא (סוכה נב.) זאגט, אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו. א מענטש אליין מיט די אייגענע כחות קען זיך נישט מתגבר זיין אויפן יצר הרע, און ער דארף האבען עזר אלו-ה. אז מען מל'ט זיך, און מען נעמט אראפ די ערלה, דעם כח הרע וואס איז דא אין זיך, קען מען עס נישט טון אליין, נאר וכרות עמו הברית. ווען א יוד טוט וואס ער דארף צו טון, העלפט אים דער אייבערשטער צו, און צוזאמען מיט אים טוט ער כורת זיין דעם ברית. ווען אברהם אבינו האט זיך געדארפט מל'ן, האט ער זיך נישט געקענט אליין מל'ן, ווייל א מענטש קען זיך נישט אליין מתגבר זיין אויף די כחות הרע, נאר וכרות עמו הברית, דער אייבערשטער האט אים געדארפט צוהעלפען, אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו.

**אין** ארץ ישראל איז געווען א גרויסער מוהל וואס האט געהייסען רבי יוסף ווייסבערג, ער האט געמל'ט טויזנטער קינדער. און ער האט מיר אמאל געזאגט, אז ער האט אמאל געהאט א ברית ביים **גערער רבי'ן**, דער **בית ישראל זצ"ל**. דער **גערער רבי** איז געווען א שארפער יוד, און ווען ער איז אריינגעקומען, רופט ער זיך אן צו אים, יוסל, ווען וועסטו זיך אליין מל'ן. האט ער געזאגט פארן **גערער רבי'ן**, אין פסוק (דברים ל-ו) שטייט, ומל ה' אלקיך את לבבך, דער איבערשטער דארף עס טון, נישט איך. האט אים דער **גערער רבי** צוריק געענטפערט, ניין, עס שטייט (שם י-טז) ומלתם את ערלת לבבכם, מען דארף עס אליין טון. - אוןביידע זענען גערעכט, עס שטייט ומלתם את ערלת לבבכם, און עס שטייט ומל ה' אלקיך את לבבך. א מענטש דארף קודם טון וואס ער קען, ומלתם את ערלת לבבכם, אבער ער קען דאך נישט אליין, ווען א יוד טוט וואס ער דארף צו טון, ומל ה' אלקיך את לבבך, העלפט אים דער אייבערשטער אז ער קען עס גומר זיין.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (תורת משה פ' כי תצא) זאגט, כי תצא למלחמה על אויבך, ונתנו ה' אלקיך בידך (דברים כא-י). 'כי תצא למלחמה', דו דארפסט קודם ארויסגיין פירן א מלחמה אליין, און אז מען קען נישט, ונתנו ה' אלקיך בידך, וועט דיר דער אייבערשטער זיי איבערגעבן אין דיין האנט. אז עס

איז נישטא קיין כי תצא למלחמה, איז נישט דא קיין ונתנו ה' אלקיך. און דאס האט דער אייבערשטער געוואלט ווייזן ביי אברהם אבינו, וואס ער איז געווען דער ערשטער כניסת הברית, אז וכרות עמו הברית, דער אייבערשטער טוט צוהעלפן אז מען זאל קענען גומר זיין דעם כריתת הברית.

**און** ווען דעם זאגט מען ביי יעדן ברית, אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו. אזוי ווי ביים ברית פון אברהם אבינו האט אברהם געטון די מצוה בפועל, און וכרות עמו הברית דער אייבערשטער האט אים צוגעהאלפן. אזוי אויך ווען מיר ברענגען אריין דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו, טוען מיר עס אויך אויף דעם וועג. מיר טוען פון אונזער זייט וואס מיר קענען, און דער אייבערשטער וועט גומר זיין און געבן אז מען זאל קענען אויספירן וואס מען דארף אויספירן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

*

***יום רביעי פרשת וירא***

אחר שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ליפא לעווי** הי"ו שהתקיים בבית המדרש ברך משה סאטמאר. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן ש"ב הרב **יהושע פאללאק** שליט"א בן **הרה"ג אב"ד בראשוב שליט"א** שהתקיים בבית המדרש בראשוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם, אחר אמירת הברכות מסר **רבינו שליט"א** את הכוס **לאב"ד בראשוב** לקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונתכבד בברכת המזון.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אברהם הערש ווייס** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **עזרא ווייס** ע"ה (א"י).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמואל גיידא** ע"ה.

*

***יום חמישי פרשת וירא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה פישער** הי"ו (בן הר"ר **יעקב פנחס פישער** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**וירא** אליו ה', נאכדעם וואס אברהם אבינו האט זיך געמל'ט, עס איז געווען שלישי למילתו, האט זיך דער אייבערשטער באוויזען צו אים. עס קען זיין אן ענין וואס דער פסוק זאגט, וירא אליו ה'. מען וואונטשט אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. מען געפונט נישט ביי א אנדערע מצוה אז מען וואונטשט אזא סארט ברכה, אז אזוי ווי ער האט מקיים געווען די מצוה זאל ער קענען מקיים זיין אן אנדערע מצוה. נאר ביי א ברית וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז די צוויי זאכען האבען א שייכות און א קשר איינס צום אנדערן. עס שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה, הובא **בדעת זקנים מבעלי התוספות** פ' משפטים), אז ווען אונקלוס הגר האט זיך מגייר געווען, האט אים זיין פעטער אנדרינוס קיסר געפרעגט, פארוואס ער האט זיך מגייר געווען. האט ער געזאגט, ווייל ער האט געוואלט קענען די תורה פון יודען. האט אים דער קיסר געפרעגט, פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער געזאגט, ווייל אויב מען מל'ט זיך נישט, קען מען נישט פארשטיין די תורה. מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל (תהלים קמז-יט), די תורה איז נאר געגעבן געווארן ליעקב, ווען

איינער איז נימול אזוי ווי יעקב, לא עשה כן לכל גוי, א גוי האט נישט קיין השגה, ער קען נישט לערנען א בלאט גמרא, כאטש ער האט א גוטן קאפ, אבער תורה גייט נישט אריין אין זיין קאפ. כדי מען זאל קענען פארשטיין תורה, דארף מען האבען אויף זיך די קדושת המילה, און מיט דעם קען מען משיג זיין תורה.

**קומט** אויס, אז מילה איז נישט סתם א מצוה וואס מען איז מקיים, מען האט געמל'ט דאס קינד. נאר די מצוה פון מילה, איז די כניסה צו תורה. מיט דעם וועט ער נאכדעם קענען פארשטיין און לערנען תורה. 'כשם שנכנס לברית', אזוי ווי מען האט מקיים געווען די מצוה, מען האט אים אריינגעברענגט לברית, האט ער דאך שוין יעצט די כלים אז ער זאל קענען שטייגען אין תורה, 'כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים', זאל ער עס קענען אויסנוצן, און גיין מיט דעם ווייטער, און לערנען די הייליגע תורה.

**אברהם** אבינו האט מקיים געווען כל התורה כולה, בעפאר מען האט עס נאך געגעבן (יומא כח:). קומט אויס אז אברהם אבינו האט געלערנט תורה, און ער האט געקענט אלע הלכות וואס ער האט געלערנט, און ער האט מקיים געווען כל התורה כולה. אבער אז ער איז נישט געווען געמל'ט, האט אים געפעלט א חלק אין קדושת התורה וואס ער האט נישט משיג געווען. ווייל אז מען קען נישט משיג זיין תורה נאר דורך מצות מילה, איז דאך ווילאנג אברהם אבינו האט זיך נישט געמל'ט, האט ער דאך נישט געהאט די קדושת המילה, וואס ער זאל דורך דעם זוכה זיין צו די השגה אין די טיפקייט פון תורה. האט ביי אברהם אבינו אויך געפעלט א חלק פון זיין תורה, ביז ער האט זיך געמל'ט. יעצט ווען ער האט זיך געמל'ט, האט זיך אים געעפענט א נייע וועלט פון תורה הק', ווייל קדושת המילה טוט ברענגען א השגה אין תורה.

**עס** שטייט אין **רמב"ן** (בהקדמה על התורה), אז די תורה איז שמותיו של הקב"ה, די תורה איז לויטער שמות פון אייבערשטען. 'וירא אליו ה'', יעצט האט זיך געעפענט פאר אברהם אבינו, עס איז אים נתגלה געווארן די קדושת התורה, וואס כל התורה כולו איז דאך שמותיו של הקב"ה. ביז יעצט האט ער אויך געלערנט, און ער האט געוואוסט וואס מען דארף צו טון, אבער עס האט דאך נישט קיין שיעור די טיפקייט וואס איז דא אין תורה. יעצט איז 'וירא אליו ה'', עס איז נתגלה געווארן פאר אברהם אבינו די גאנצע תורה וואס ער האט נישט געהאט ביז יעצט, ווייל דורך קדושת המילה קומט א יוד צו, צו השגת התורה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי, אחר כך מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה ברוך פרענקעל** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא. בתוך השיעור עורר **רבינו שליט"א** על מה שנפרץ לאחרונה אצל כמה בני אדם להרבות בשתיית יינות שונים ויין שרף יותר מן הצורך.

***<u>וזה תוכן הדברים:</u>***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ווען די מלאכים זענען געקומען צו לוט, 'ויעש להם משתה', לוט האט געמאכט א משתה פאר די מלאכים, 'ומצות אפה ויאכלו', און ער האט געבאקען מצות, און ער האט זיי געגעבן צו עסן. דער **ספורנו** שטעלט זיך, אז ביי אברהם אבינו שטייט נישט אז ער האט געמאכט א משתה, עס שטייט נאר, אז ער האט זיי אריינגערופן אין שטוב און לושי ועשו עוגות, ער האט זיי געגעבן צו עסן עוגות, ואל הבקר רץ אברהם, ער האט זיי געגעבן פלייש. משתה איז טייטש א משתה היין, ווי מען זעצט זיך אראפ צו טרינקען וויין, און ביי אברהם שטייט עס נישט, נאר ביי לוט.

**זאגט** אויף דעם דער **ספורנו**, ווייל לוט האט ליב געהאט צו טרינקען, ווי מען זעהט שפעטער אין די פרשה, שיכור ווי לוט. ממילא אז לוט מאכט א סעודה, איז עס געגאנגען מיט וויין צוזאמען. אבער אברהם אבינו האט נישט געמאכט א

משתה, אברהם אבינו האט געמאכט א סעודה וואס איז נישט געווען מיט וויין, אויסער ביום הגמל את יצחק, דארט שטייט יא אין פסוק (כא-ח) אז ער האט געמאכט א משתה ביום הגמל את יצחק, ווייל עס איז געווען גדולי הדור וואס זענען געקומען צו די סעודה, איז דארט ביי די שמחה האט ער געגעבן צו טרינקען וויין אויך, אבער פאר די מלאכים האט ער נישט געגעבן צו טרינקען וויין, ער האט נישט געמאכט א משתה.

**פון** דעם **ספורנו** לערנט מען אראפ, אז מען דארף אכט געבן נישט צו טרינקען וויין. איך זאג עס, ווייל **עס איז היינט געווארן אביסל א לויזקייט אין דעם געטרינק'אכטס. מען מאכט שבת קידושים וכדומה, און מען טרינקט, נישט וויפיל מען דארף צו טרינקען, און נישט ווי א יוד טרינקט, נאר אזוי ווי א גוי טרינקט. מען גייט אהיים אנגעטרינקען, און נאכדעם מאכן זיך פראבלעמען אין שטוב וואס קומט פון דעם.** מען דארף זיך היטן. בשעת מען טרינקט וויין, זאל מען נישט איבערטרינקען פון די מאס וואס מען דארף צו טרינקען.

**א** בחור האט מיר פארציילט, אז זיין פאטער גייט יעדן שבת צו זיין מאמע, און ער טרינקט זיך דארט גוט אן, און נאכדעם קומט ער אהיים צו מאכן די סעודה. האט מיר דער בחור געזאגט, איך באגלייט מיין טאטע אהין, אבער צוריק באגלייט איך אים שוין נישט, ווייל איך שעם זיך צו גיין מיט אים אויף די גאס.

**איך** האב געהערט פונעם **ברך משה**, דער **סאטמארער רב זכרונו לברכה**, אז זיין פאטער דער **עצי חיים**, האט געגעבן קידוש וויין, אז מען האט עס קוים געקענט לעקן מיט די צונג. ווייל ער האט אמאל געזען א שיכור וואס האט זיך אנגעטרינקען, און עס איז אים געווארן אזוי מאוס די שכרות, אז ער האט נישט געוואלט אז די קינדער זאלן זיך צוגעוויינען צו טרינקען וויין, האט ער נאר געגעבן קידוש וויין ממש אז מען האט זיך קוים געקענט נאס מאכן די צונג, פון די קידוש וויין וואס מען האט געגעבן. און עס האט טאקע א ראיה פון די תורה, אז ביי אברהם שטייט נישט ויעש להם משתה, נאר ביי לוט שטייט ויעש להם משתה.

*

***ערב שבת פרשת וירא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת אויש ע"ה (אשת הר"ר **אליעזר דוד אויש** הי"ו).

*

***שבת קודש פרשת וירא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטש בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע** (לרגל יומא דהילולא ביום כ' חשון). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א**.

בסעודה שלישית נתכבד הרב **שמעון אופמאן** שליט"א (אוסטראליע) בברכת המזון.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הרב **נחמן לייפער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **משה פרנס** הי"ו, שהתקיים באולם פאוינט פלאזא.